**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**באמערקונגען ווי צוגעגרייט: גאווערנאר האקול דעליווערט 2025 סטעיט אוו די סטעיט אדרעס**

***מאכן ניו יארק מער אפארדעבל דורך שניידן שטייערן פאר איבער 8.3 מיליאן מיטל קלאס ניו יארקערס, שיקן אינפלעישאן ריפאנד טשעקס און פארברייטערן טשיילד שטייער קרעדיט***

***פריאריטיזירן סאבוועי זיכערהייט דורך זיך אנשליסן מיט ניו יארק סיטי צו פארמערן NYPD אנוועזנהייט אויף פלאטפארמעס און באנען; אינוועסטירן אין זיכערהייט אפגרעידס***

***שטיצן ניו יארק קינדער דורך אנהויבן די 'Unplug And Play' (פלאגט אויס און שפילט) זיי צו העלפן אראפגיין פון זייערע טעלעפאנען און בלייבן אקטיוו***

***זיך באפאסן מיטן האוזינג פראבלעם דורך אננעמען קארפארעט קרעפטן וועלכע הייבן היים פרייזן און רענטס, בויענדיג אויף פאריגעס יאר'ס טראנספארמירנדע האוזינג דיעל***

***צו בויען די ארבעטסקראפט פון די מארגן, ניו יארק וועט צושטעלן אומזיסטע SUNY און CUNY קאמיוניטי קאלעדזש פאר ערוואקסענע סטודענטן וואס זוכן א קאריערע וואס מענטשן דארפן***

***201 טראנספארמירנדע פראפאזעלס צו לייגן געלט אין די טאשן פון ניו יארקער, מאכן ניו יארק מער אפארדעבל און מאכן אונזערע גאסן און סאבוועיס מער פארזיכערט***

***2025 סטעיט אוו די סטעיט בוך איז אוועילעבל [דא](#)***

א דאנק פאר אונזער קלערדזשי פארן אונז דערמאנען אז די באשעפער געפינט זיך אין אונזערע לעבנס...

איך וויל דאנקען סענאט מאיאריטעט פירער Andrea Stewart-Cousins (אנדריא סטואַרט-קאזינס). רעדנער Carl Heastie (קארל היסטי), א דאנק פארן מיר אויפנעמען די לעצטע דריי יאר אין די אסעמבלי טשעמבער. אטורני גענעראל Tish James (טיש דזשעימס), קאמפטראלער Tom DiNapoli (טאם דינאפאלי), ליוטענאנט גאווערנאר Antonio Delgado (אנטאניא דעלגאדא), אסעמבלי מאיאריטעט פירער Crystal Peoples-Stokes (קריסטאל פיפלס-סטאוקס), סענאט מינאריטעט פירער Rob Ortt (ראב ארט), אסעמבלי מינאריטעט פירער Will Barclay (וויל בארקלעי), ריכטערס פון די ניו יארק קאורט פון אפיעלס, ניו יארק סיטי מעיאר Eric Adams (עריק עדעמס), און מעיארס און קאונטי עקזעקיוטיווס פון לענגאויס די סטעיט, פארשטייער פון לעיבאר און וויכטיגע געסט, מעמבערס פון מיין קאבינעט, סעקרעטערי Karen Persichilli Keogh (קערען פערסיכילי קעאגה), די עקזעקיוטיוו טשעמבער סיניאר טיעם, אן איך בין זייער שטאלץ צו אנערקענען ניו יארק'ס ערשטע מאן William Hochul (וויליאם האקול).

מיינע טייערע ניו יארקערס אזוי ווי מיר קוקן צוריק אויף די סטעיט פון אונזער געוואלדיגע סטעיט, די עמפייער סטעיט, זענען צוויי זאכן זייער קלאר פאר מיר. אונזער צוקונפט ווענדט זיך אויף די מעגליכקייט פון יעדע פאמיליע זיך צו קענען ערלויבן די באדערפעניש פון לעבן, און אונזער מעגליכקייט צו באשיצן די זיכערהייט און באשיצונג פון אונזערע איינוואוינער. אבער מיר וועלן נישט אנקומען צו די ציל אן א קריג.

דעריבער איז מיין פארפליכטונג צו יעדע ניו יארקער דאס: אייער פאמיליע איז מיין קריג. דאס איז געווען די גייסט און טרייבקראפט פאר אלעס וואס מיר האבן געטון אין די פארגאנגענע דריי יאר.

ווען מיר האבן געהויבן די מינימום געהאלט און עס צוגעבינדן צו אינפלעישאן, איז עס געווען וויבאלד איך גלייב אז ווען די פרייזן גייען ארויף זאלן אייערע ווערדזשעס אויך ארויפגיין.

ווען מיר האבן צוגעלייגט ארבעט און געהעכערט שכר לימוד הילף, עדיוקעישן פאנדינג, און פאבליק טראנזיט אינוועסטמענטס צו די העכסטע שטאפלען אין די היסטאריע, איז עס געווען ווייל אייער פאמיליע פארדינט די בעסטע געלעגנהייט פאר סוקסעס.

ווען מיר האבן געקעמפט קעגן אינשורענס פירמעס און אפגעשטעלט קאפעיס פאר אינסולין, איז עס געווען וויבאלד אייער פאמיליע'ס געזונטהייט איז געווען וויכטיגער ווי די אינשורענס פירמעס' פראפיטס.

ווען מיר האבן געקעמפט פאר באצאלטע עלטערן'ס אורלויב, איז עס געווען כדי טראגעדיגע פרויען זאלן קענען באקומען מעדיצינישע באהאנדלונג אן פארלירן זייער אינקאם ווייל די געזונטהייט פון אייער בעיבי און אייער פאמיליע זאל שטענדיג זיין ערשט.

ווען מיר האבן זיך גענומען צו סאושעל מידיא ריזן, זיך אויפגעשטעלט קעגן אן ארמיי פון לאביאיסטן און לאו-סוטס, איז עס געווען צו אפשטעלן די אדיקטיווע פידס וואס לייגן קארפארעט פראפיט העכער פון אונזערע קינדער'ס געזונט.

ווען מיר האבן פארזיכערט די מערסטע קאנסענקווענציעלע סטעיטווייד האוזינג פאליסי אין פופציג יאר און באשטעטיגט אז די סיטי פון ניו יארק איז די סיטי פון יא, האט עס געשיקט א סיגנאל אז מיר פארשטייען אז א הויז פאר אייער פאמיליע מיינט אלעס.

מיר האבן דאס אלעס געטון ווייל אייער פאמיליע פארדינט מער געלט אין זייערע טאשן און א פלאץ זיי זענען שטאלץ צו רופן היים.

אבער איך ווייס אונזער ארבעט איז נישט געענדיגט.

זארגן וועגן פארברעכן און ראנגלעניש צו באצאלן באדערפענישן טרעפן זיך צו אפט. אונזער סטעיט דארף זיין וואוינבאר און מענטשן דארפן קענען זיך ערלויבן צו וואוינען דערין. מיר מוזן ווייטער קעמפן פאר פאמיליעס און קינדער פון ניו יארק. און ווייטער דעליווערן פאר זיי.

פארזיכערטע גאסן און סאבוועיס.

גוטע דזשאבס און העכערע ווערדזשעס.

האוזינג וואס איז עכט אפארדעבל.

און שנעלע פובליק טראנזיט און פארלעסליכע אינפראסטרוקטור.

היינט, ווען איך מיטטיילן מיין וויזיע פאר א ניו יארק וואו שווער ארבעטנדע מענטשן קענען פאראויסגיין אין לעבן וואו קינדער קענען זיכערערהייט שפילן אין זייערע געגנטער, וואו עס זענען דא פילע געלעגנהייטן, און וואו טשאמפיאנס ווערן געמאכט.

דאס איז ווי אזוי איך האב געשפירט אלס קינד.

עלטערן האבן געקענט לייגן עסנוואַרג אויף די טיש ווייל זיי האבן געהאט גוטע יוניאן דזשאבס ביי די סטיל מילס אדער די פארד אדער GM פלענט. זיי האבן שטענדיג געגלייבט אז זייערע קינדער וועלן האבן די זעלבע געלעגנהייטן אדער אפילו בעסער.

דאס מיינט נישט אז עס איז נישט געווען שווער צומאל. מיינע עלטערן האבן אנגעהויבן דאס פארהייראט לעבן אין א טרעילער פארק וואו מיין ברודער איז געבוירן געווארן. ווען איך בין אנגעקומען, האבן מיר געמופט צו א פארשטופטע אפארטמענט אין די שאטן פון די סטיל פלענט וואו מיין טאטע, פעטערס און זיידע האבן געארבעט.

די מאמע האט געשפארט פון יעדן ווינקל כדי צו פיטערן דאס וואס איז שפעטער געווארן א פאמיליע פון אכט. זי האט געמאכט די ספעם סענדוויטשעס אויף פארטרוקנטע ברויט פון די פריזער און געקויפט אונזערע קליידער אוועקצולייגן. אבער מיר האבן זיך קיינמאל נישט געשפירט דערדרוקט פון אונזערע אומשטענדן. און מיר האבן קיינמאל נישט אויפגעגעבן האפענונג.

ווען איך בין געווען 13, האב איך געהאט מיין אויג אויף א זייער שיינע רויטע פלאסטיק רעגן מאנטל אין א פרויען'ס געשעפט אויף מעין סטריט. עס איז געווען א לוקסוס וואס איך האב געוואוסט איך וועל קיינמאל קענען בעטן מיינע עלטערן צו באצאלן דערפאר. דערפאר האבן איך אפגעשפארט יעדע פרוטה וואס איך האב פארדינט פון בעיביסיטינג - 50 צענט א שעה - ביז איך האב עס געקענט אליין קויפן. עס האט געדויערט מאנאטן לאנג אבער קויפן דעם מאנטל מיט מיין אייגן געלט האט זיך געשפירט ווי אזא דערגרייכונג. א באווייז פאר א יונגע צענערלינג אז מיט שווערע ארבעט און מוט איז אלעס מעגליך.

אבער בלויז עטליכע יאר שפעטער איז יענע געשעפט און פיל פון די ארומיגע געשעפטן געווארן טונקל.די פייוו און דיים, די סאדע קאונטער, די לעצטע פון די פארבליבענע קליידונג געשעפטן: אלעס פארביי. עס איז געווען די 1970 יארן. ינפלעישאן איז געווען ביי 13 פראצענט. פארברעכן איז געווען ארויס פון קאנטראל. פעקטאריס האבן זיך אפגעשלאסן. אונזער לאנד און אונזער לופט און אונזער וואסער זענען געווען אזוי פארפעסטיגט. אונזער וועלט האט זיך געטוישט.

און אזויפיל קאמיוניטיס האבן פארלוירן די פאבריק, געכאפט א קלאפ, און זיך געראנגלט צוריק ארויפצוקריכן. צו מענטשן האבן געארבעט ביי Bethlehem Steel אין באפעלאו, Kodak אין ראטשעסטער, Carrier אין סייראקיוז, Endicott Johnson אין די דרום טייל אדער צפון גרומאן אויף לאנג איילענד, איבער די יארן האבן מענטשן געפילט אויסגעשפילט. יעדע איינע פון מיינע פינף געשוויסטער האבן געדארפט פארלאזן אונזער היים וויבאלד עס זענען געווען מער דזשאבס אין אנדערע סטעיטס.

דאס איז געווען גאר ווייטאגליך. עס איז נישט בלויז געווען פארלוירענע דזשאבס. האפענונג איז אויך פארלוירן געגאנגען.

איך זאג אייך דאס נישט צו געבן א היסטאריע לעקציע אבער צו באפעסטיגן פארוואס די קריגן זענען אזוי פערזענליך פאר מיר. איך שפיר נאך אלס ווי גלייך עס וואלט נעכטן פאסירט. דאס איז נישט בלויז היסטאריע. עס איז די זעלבע וועג ווי אזוי מילעניעלס האבן געשפירט אין 2008 ווען די גרויסע רעסעסיע האט אונטערגעגראבן זייער צוקונפט.

איך וויל קיינמאל נישט אז די מענטשן פון די סטעיט, אונזערע שכנים, זאלן האבן די זעלבע געפיל פון ענקזייעטי וואס איז געווען אזוי באקאנט ווען איך בין געווען יונגער. דאס איז פארוואס איך האב באשלאסן צו בלייבן און קעמפן. צוזען די פלאגעניש און ווייטאג פון די וואס זענען געווארן איבערגעלאזט, האט מיר אינספירירט צו לויפן פאר אפיס, צו זיין א שטימע פאר קאמיוניטיס וואס זענען באפאלן געווארן מיט שווערע צייטן, ווייל איך האב מיטגעמאכט די איבערלעבעניש.

היינט, ווייס איך זייער גוט... ניו יארקערס מוטשען זיך. אינפלעישאן. הימל-הויכע רענטס. וועידזשעס מיט וועלכע מען קען פשוט נישט אויסקומען. א טוישנדע עקאנאמיע. אן ארייגפלוס פון אומערווארטעטע אנגעקומענע מיט גרויסע געברויכן און אן אומגע'סעטל'טע וועלט.

דאס איז פארוואס איך קריג טאג איין און טאג אויס צו מאכן ניו יארק מער פארזיכערט, געזונטער, ריינער, און מער צוגענגליך פאר אייך און אייער פאמיליע.

ווייל, אזויווי איך האב געזאגט: אייער פאמיליע איז מיין קריג.

נעכטן, האב איך זיך געטראפן מיט איבער 200 הויך שולע סיניארס און האדסאן וואלי קאמיוניטי קאלעדזש סטודענטן פון איבעראל דורכאויס די קאפיטאל דיסטריקט. זיי האבן מיטגעטיילט זייערע האפענונגען און פראגעס וועגן די צוקונפט. לאמיר הערן דירעקט פון זיי!

[ווידיאו שטיקל]

מיין באזוך נעכטן איז געווען א דערמאנונג פאר וועם מיר קריגן און וואס מיר מוזן זיי ווייזן, די יונגע מענטשן, וואס זיי קענען דא בליען – אז דאס איז וואס זייער צוקונפט איז.

לאזט מיר זאגן דאס - א סטעיט פון די סטעיט אדרעס קען זיין פול מיט איבערגעטריבענע רעטאריק און דאך פארפעלן צו אדרעסירן די געברויכן פון די מענטשן. איך גלייב אז עס דארף זיין פיל מער ווי הויכע ווערטער. עס זאל זיין א קאנקרעטע בלופרינט וואס וועט דעליווערן פאקטישע רעזולטאטן וואס מענטשן וועלן שפירן. דאס איז וואס ניו יארקער ערווארטן: א שטארקע, אויספירבארע פלאן פאר 2025 וואס נעמט אריין אין באטראכט צוגענגליכקייט און פאבליק סעיפטי.

לאמיר אנהויבן מיט אפארדעביליטי און וויאזוי איך פלאן צו צוריק ארייגלייגן געלט אין אייערע קעשענעס.

ערשט, רוף איך פאר א געזונטע מיטל קלאס אינקאם שטייער שניט בענעפיטירנדיג 8.3 מיליאן שטייער צאלער וואס מאכן ווייניגער פון 323,000 דאלער. די שטייער שניט וואס איך לייג פאר היינט און וועל קריגן פאר אין די קומענדיגע חדשים וועט דעליווערן די נידריגסטע שטייער ראטעס אין זיבעציג יאר און שפארן פאר שווער ארבעטנדע שטייער צאלער 1 ביליאן דאלער.

דאס אליין, איז שוין א ריזיגע געווינס פאר ניו יארקערס אינעם קאמף פאר אפארדעביליטי. אבער דאס איז בלויז דער אנהויב.

דער פאקט איז אז פילע אמעריקאנער, נישט בלויז ניו יארקערס, זענען שווער באטראפן געווארן פון אינפלעישאן זייט COVID. ווייל פרייזן זענען ארויף און אונזער סעילס שטייער רעוועניו איז אויך ארויף. אבער איך גלייב דאס: אז איבריגע געלט געהער נישט אין קיין סטעיט קאסעס, נאר עס געהער צוריק אין אייערע קעשענעס.

און דאס איז פארוואס איך האב פארגעשלאגן דאס לאנד'ס ערשטע-זייט-אלעמאל אינפלעישאן ריפאנד. אונטער מיין פלאן, וועלן מיר צוריקגעבן ביליאנען און ביליאנען דאלער און איבריגע סעילס שטייער רעוועניו דירעקט פאר 8.6 מיליאן שווער ארבעטנדע ניו יארקער. איך רעד וועגן סיניערס, לעצטנס-גראדואירטע, פאמיליעס וואס ברענגען אריין וויי'ניגער ווי 300,000 דאלער א יאר. דאס מאכט אויס. דריי הונדערט דאלער פאר אינדיווידועלן. פינף הונדערט דאלער פאר פאמיליעס. דאס איז עכטע געלט צוריק אין אייער קעשענע.

איז לאמיר איבערקוקן: וואס האבן מיר ביז אהער? א היסטארישע מיטל-קלאס שטייער שניט, אינפלעישאן ריבעיט טשעקס... אבער דאס איז נאך נישט אלעס.

פאמיליעס מיט קינדער דארפן נאך הילף. און אלס ניו יארק'ס ערשטע מאמע גאווערנער, ווייס איך פערזענליך אז די פריעסטע יארן זענען די מערסטע טייער: פעמפערס, פארמולע, קליידער וואס מען וואקסט אויס יעדע דריי מאנאטן. און דאס איז פארוואס אין 2023, האב איך געזאגט אז מען זאל מאכן טשיילד טעקס קרעדיט אוועילעבל פאר קינדער אונטער די עלטער פון פיר פאר די ערשטע מאל, צולייגנדיג א פינאנציעלע לעבנסליניע פאר איבער 600,000 פאמיליעס. ווייל עס האט נישט געמאכט קיין שום סענס פאר מיר אז דער קרעדיט האט זיך אנגעהויבן ווען קינדער
זענען שוין כמעט אין קינדערגארטן.

בלויז עטליכע טעג צוריק, האב איך געטראפן טאסיע בראון, א מאמע פון דריי אריינגערעכנט א צווייִ-יעריג קינד. זי האט געזאגט אז ווען זי האט באקומען א טשעק פאריגעס יאר, האט זי געשפירט ווי עס איז איר געבורטסטאג. זי האט באצאלט איר יוטיליטי ביל, געקויפט אביסל איבריגע גראסערי פראדוקטן, און אפילו באגליקט אירע קינדער מיט א נאכטמאל אן זיך זארגן.

דאס יאר וויל איך שטיצן אונזערע פאמיליעס נאכמער דורך טריפלען די מאקסימום בענעפיט צו 1000 דאלער פאר בעיביס און קינדער ביז פיר יאר אלט. און אין 2026 וועלן מיר ארויפברענגען דעם קרעדיט פאר שולע-עלטער קינדער צו 500 דאלער. פאר עלטערן, מיינט דאס מער עסנוואַרג אויף די טיש און מער שולצייג אין די טעשלעך פון 2.7 מיליאן קינדער.

אויב איר קלערט דערוועגן, מאכט עס גוט סענס עקאנאמיש. יעדן דאלער אינוועסטירט אין די טשיילד שטייער קרעדיט ווען ברענגען א דאלער און 25 סענט אין עקאנאמישע אקטיוויטעט. דאס ווערט אויסגעגעבן אין לאקאלע געשעפטן, העלפנדיג אונזערע לאקאלע ביזנעסער.

עס איז דא נאך א קאסט פאר פאמיליעס וואס מיר דארפן קאנפראנטירן:
טשיילד קעיר. דעיקעיר קען קאסט איבער 21,000 דאלער א יאר. טראכט דערוועגן: דאס איז 155 פראצענט העכער ווי א פובליק קאלעדזש טואישאן. עס איז ווי צאלן א צווייטע רענט פאר אזויפיל פאמיליעס.

און איך ווייס ווי שווער עס איז צו מאכן דאס לעבן ארבעטן אן קיין טשיילדקעיר ווייל איך האב דאס מיטגעלעבט. ווען מיינע קינדער זענען געווען יונג האב איך געדארפט אויפגעבן מיין ארבעט ווייל איך האב נישט געקענט טרעפן קיין עפארדיבל טשיילד קעיר. אלעס פאר וואס איך האב געארבעט איז געווארן

צענישט. איך האב נישט געוואוסט ווי אזוי איך וועל צוריקשטעלן מיין קאריערע. און איך ווייס אז אזוי פיל מאמעס דורכאויס ניו יארק קענען דערציילן די זעלבע געשיכטע.

איך וויל זיך אנשליסן מיט די לעגיסלאטור און לייגן אונזער סטעיט אויף א וועג צו יוניווערסל טשיילדקעיר.

דאס מאכט עכט אויס.

מיר וועלן באשטימען 110 מיליאן דאלער צו אופבויען נייע טשיילד קעיר צענטערס, רענאווירן עקזיסטירנדע, און פארברייטערן אפציעס פאר פאמיליעס און קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק. און מיר וועלן אוועקשטעלן א קארפס פון סאבסיטוט טשיילד קעיר פראפעסיאנאלן כדי איינער זאל אייביג זיין גרייט.

אזוי ווי די קליינע ווערן עלטער, דארפן מיר זיי שטיצן איין מאל זיי זענען אין שולע. דאס הויבט זיך אן מיט די ערשטע, וויכטיגסטע מאלצייט פונעם טאג: פרישטאג און דערנאך מיטאג.

די פארשונג צייגט קליפ און קלאר. קינדער וואס וואקסן אויף הונגעריג באקומען שוואכערע צייכנס אויף זייערע טעסטס און פונקציאנירן שוואכער. עס איז וויטאגליך פאר מיר אלס א מאמע צו טראכטן פון קליינע קינדער'ס מאגנס ברומען בשעת זיי זענען אין שולע בשעת זיי דארפן צו לערנען. אין די רייכסטע לאנד אויף דער וועלט קען דאס מער נישט געדולדעט ווערן. נישט אין אמעריקע און זיכער נישט אין די געוואלדיגע סטעיט פון ניו יארק.

אונטער מיין פארשלאג, וועלן אלע קינדער באקומען אומזיסטע פרישטיג און לאנטש אין סקול אזוי אז קינדער וואס דארפן צוקומען דערצו וועלן ווערן פארשפארט פון די בושה און סטיגמא פון ארויסשטיין פון אנדערע קינדער אין קלאס.

און איך בין שטאלץ צו זאגן אז עס געפינען זיך דא אפאר מענטשן וואס וועלן מאכן פון די חלום א רעאליטעט: די סקול לאנטש שטאב פון אלבאני שולע דיסטריקט. זיי ארבעטן אזוי שווער. ביטע שטייט אויף און גיבט זיי א רונדע פון אפלאדירונג.

און אויב איר האט אמאל געדארפט מאכן גרייט קינדער צו גיין אין סקול צופרי ווייסט איר אז נישט צו דארף צוגרייטן פרישטיג און לאנטש איז א מתנה פון צייט, די טייערסטע זאך פאר פאריאגטע עלטערן. אין צוגאב צו די פארדינסטן: אזוי פיל ווי זעכצן הונדערט דאלער פער קינד פער יאר צוריק אין אייער בערזל.

מיינע פריינט, אלעס וואס מיר רעדן דא זאמלט זיך אן צו כמעט 5000 דאלער. אהה, איר גלייבט מיר נישט? נעמט ארויס אייער סעלפאן אדער קאלקיולעיטאר און איר קענט דאס רעכענען.

לאמיר זען וואס דאס מיינט פאר א פאמיליע מיט למשל... צוויי קליינע (דאס איז $2,000) און איין סקול עלטער קינד (נאך $500). יערליכע שולע מאלצייטן געשפארט ($1,600), ווארפט אריין $500 פאר אייער פאמיליע ריבעיט, פלוס שטייער שניט סעיווינגס. יעצט קומען מיר צו צו $5,000 עכטע דאלארן צוריק אין אייער טאש.

דאס איז ווי אזוי מיר מאכן אונזער סטעיט מער אפארדעבל. מיר וועלן קיינמאל נישט אויפהערן צו טרעפן וועגן צוריקצולייגן געלט אין די טאשן פון ניו יארקערס. דאס איז עפעס וואס איך האב געטון יעדעס יאר אלס גאווערנאר.

אבער עס איז דא נאך א קאמף וואס איך וועל ווייטער אננעמען: אונזער סטעיט מוז זיין וואוינבאר און פארזיכערט. מיין קריג פאר אייער פאמיליע מיינט אויך אז ניו יארקער פילן פארזיכערט אויף אונזערע גאסן, אויף אונזערע סאבוועיס, און אונזערע קאמיוניטיס.

מיר גייען דאס טון מיט קאמאן סענס מיטלען וואס יעדער קען מיטהאלטן. ווייל מענטשן דארפן קענען רואיג גיין צו די ארבעט, גיין צו א שפיל, הנאה האבן פון אונזערע גוטע רעסטוראנטן אן די מורא פון פארברעכן אדער אויסמיידן איינער וואס גייט דורך א גייסטישע געזונט קריזיס.

מיר קענען נישט ערלויבן אונזער סאבוועי צו זיין א פארנדיגע היימלאזע שעלטער. מיר האבן שוין אינוועסטירט 1 ביליאן דאלער אין רעפארמירן אונזער מענטל העלט סיסטעם, מער שטיצע ווי סיי ווען אין ניו יארק'ס היסטאריע. און איך וויל באדאנקען די לעגיסלאטור פארן זיך אנשליסן מיט מיר דערמיט. אלס טייל פון די אינוועסטמענט, איבערגעגעבענע טיעמס ארבעטן אימערמידליך בייטאג און ביינאכט צו העלפן קראנקע און היימלאזע אוועק פון אונזערע סאבוועיס און זיי ארייגלייגן אין שטיצנדע האוזינג.

אבער מיר ווייסן אז דאס איז נישט גענוג. אונזערע געזעצן מוזן זיין נאך שטארקער. און דאס איז פארוואס איך בין וויליג אויפצושטיין און זאגן אז מיר דארפן פארברייטערן אומוואלונטירישע אריינשטעלונג צו א שפיטאל אריינצורעכענען די וועלכע האבן נישט די גייסטישע מעגליכקייט צו קעיר נעמען פון זיך אליין ווי למשל אפזאגן הילף פון די בעיסיקס: קליידער, עסן, שעלטער, מעדיצינישע קעיר.

יעצט וועלן קריטיקירער זאגן אז דאס מאכט ארימקייט אדער היימלאזיגקייט זיין א פארברעכן. איך זאג אז דאס איז פשוט פאלש.

דאס איז וועגן האבן די מענטשליכקייט און מיטגעפיל צו העלפן מענטשן וועלכע קענען זיך נישט העלפן, מענטשן אזויוי אונז וועלכע ליידן פון גייסטישע קרענק און לייגן בוכשטעבליך זייערע אייגענע לעבנס און די לעבנס פון אנדערע אין געפאר.

Julie LeClaire Neches (דזשולי לעקלעיר נעשעס) איז אן אומערמידליכע אדוואקעיט וואס ווייסט די וויכטיגקייט פון מיטפילנדע קעיר. זי האט פארלוירן איר טאכטער Alix (אליקס) נאך א פארצויגענעם קאמף מיט גייסטישע קראנקהייט. Alix (אליקס) איז געווען א קלוגע יונגע פרוי וואס איז געגאנגען צו דארמאוט און NYU און האט געטרוימט פון זיין א שרייבערין. Julie (דזשולי) האלט אז איר טאכטער וואלט נאך געווען מיט אונז היינט אויב עס וואלטן געווען שטרענגערע געזעצן ארום אומוואלונטירישע פארבינדונג און אויב איר טאכטער וואלט נישט פריצייטיג ארויסגעלאזט געווארן פון שפיטאל. ביטע שטיי, Julie (דזשולי). און מיר דאנקען אייך פאר אייער שטימע.

מיר דארפן אויך שטארקן קענדרא'ס געזעץ אז די מיט ערנסטע גייסטישע געזונט פראבלעמען באקומען לאנג טערמיניגע באהאנדלונגען אנשטאט זיך דרייען אריין און ארויס פון די סיסטעם אדער וואוינען אויפן גאס.

איך ווייס אז די פראזע "אומוואלונטירישע אריינשטעלונג" דערמאנט מענטשן פון די טורמע-ענליכע אינסטיטוציעס פון די פארגאנגענהייט. אבער דאס איז נישט דער ציל פון די פראפאזעלס. מיר זענען יעצט אין אן אנדערע צייט. אלס א רעזולטאט פון אונזערע פאליסיס איבער די לעצטע דריי יאר וואס מיר האבן איבערגעמאכט אונזער גייסטישע געזונט סיסטעם מיט מער דאקטוירים, מער בעטן, מיר אפעקטיווע באהאנדלונג אפציעס און א מער הארציגע גייסט פאר קעיר.

לאמיר זיין אויפריכטיג: עס איז גארנישט מיטפילנדיג צו לאזן מענטשן ליידן אן באהאנדלונג אויף די גאסן. און עס איז גארנישט מיטפילנדיג צו לאזן מענטשן לייגן זיך אדער אנדערע אין געפאר.

יעצט, לאמיר זיך קערן צו סאבוועי זיכערהייט צו נידערן פארברעכן און די מורא פון פארברעכן האבן מיר איינגעשפאנט 1,250 סטעיט מענטשן, אריינגערעכנט די סטעיט פאליציי און נעשענאל גארד, צו שטיצן די NYPD'ס כוחות אויף די סאבוועיס. און איך בין פעסט אז יעדעס איינציגע סאבוועי קאר זאל האבן קאמערעס. מיר האבן פארשטערקערט די געזעצן קעגן באפאלן קאמיוטערס און MTA ארבעטערס און מיר האבן פארגרינגערט די קאארדינאציע צווישן אונזערע DAo און גועזעץ ענפארסירונג צו פארזיכערן אז פארברעכנס ווערן שנעל באשטראפט. מיר האבן געלייגט צוימען צו אפהאלטן מענטשן פון ווערן אראפגעשטופט אויף די טרעקס. אבער, מיר דארפן פארשטארקן די באמיאונגען.

ערשטס, ארבעטנדיג מיט מעיאר Adams (עדעמס), וועלן מיר נאכמער מער געזעץ ענפארסירונג. איך וויל זען פאליציי אין יוניפארמען אויף די פלאטפארמעס, אבער וויכטיגער, מיר וועלן לייגן אן איציר אויף יעדע איינציגסטע טרעין, איבערנאכט – p.m 9. ביז a.m 5 – פאר די קומענדיגע זעקס חדשים און די סטעיט וועט דאס שטיצן פינאנציעל.

די פיזישע אינפראסטרוקטור מוז אויך געמאכט ווערן מער פארזיכערט. לויט מיין אנווייזונג, וועט די MTA אינסטאלירן נאכמער בעריערס אין 100 נאך סטאנציעס מיט LED לעקטערס אין יעדע סטאנציע ביזן סוף פון די יאר. אן די וועלכע באצאלן נישט אן קיין בושה וועלן ווערן אפגעשטעלט מיט פארגעשריטענע צוימען. דאס וועט נישט נאר מאכן די באנען וויניגער כאאטיש, נאר עס וועט אויך העלפן שטערקער מאכן די פינאנציעלע שטעלונג פון די MTA. און מיר וועלן אוועקשטעלן טריאדזש צענטערן ביי די ענדע פון אלע גרויסע רוטס וואו מענטשן קענען אפשטייגן און באקומען הילף 24/7.

דאס איז די פלאן: מער פאליציי וואו עס פעלט זיך אויס, סעיפטי אינפראסטרוקטור, און קריטישע אינטערווענציעס צו העלפן די היימלאזע און גייסטיש אומגעזונטע באקומען די הילף זיי דארפן אנשטאט זיך דרייען ליידיג אויף טרעינס און דערשרעקן פאסאזשירן.

ווייל איך זאג אז גענוג איז גענוג. די כאאס מוז קומען צו אן ענדע.

אין מיין ווייטערדיגע קאמף פאר דאס זיכערהייט פון אייער פאמיליע, נעם איך זיך אויך צו דאמעסטישע געוואלדטאט - ספעציעל ווען עס פאסירט אין שטובער מיט קינדער. מיין מאמע איז געווען א טרייבער פאר געליטענע פון דאמעסטישע געוואלדטאט. פאר זי איז געשטארבן, האבן מיר געארבעט צוזאמען צו שאפן א זיכערע ארט פאר פארויען און קינדער וועלכע זענען אביוז'ד געווארן. זי וואלט געווען אזוי שטאלץ מיט די ארבעט וואס מיר טוען היינטץ מיר ארבעטן אויך מיט געזעץ ענפארסירער צו ארעסטירן און באשטראפן רעיפיסטס און האלטן געווער ארויס פון די אביוזערס' הענט.

און ווען עס קומען צו מערערע מאל פארלעצער, וויל איך זיי זען אראפ פון די גאסן. און איך וויל אז ריכטער איבער די גאנצע סטעיט זאלן נוצן אלע זייערע מעגליכקייטן אונטער אונזער לעצטיגע בעיל געזעץ טוישן צו אפשטעלן די אויסשוועגקען און איבערנוצן גאנג פון פארלעצער ווערן באפרייט איבער און איבער אן קיין שטראפן בלויז צו נאכאמאל באגיין פארברעכן. און איך וועל באקעמפן צו ענדליך פארמאכן די לעכער וועלכע זענען אנטוויקלט געווארן אין אונזער דיסקאווערי געזעצן וועלכע שטופן אפ געריכטן און פירן צו דעם אז קעיסעס זאלן ווערן ארויסגעווארפן צוליב קליינע טעכנטישע סיבות.

באשיצן קינדער אנליין איז נאך א וועג וויאזוי איך וועל קעמפן פאר אייער פאמיליע.

אזוויוי איך האב פריער דערמאנט, איז ניו יארק געווען די ערשטע סטעיט אין די לאנד צו באשיצן יונגע מענטשן פון עדיקטיוו סאושעל מידיע ארגאריטמס - זיגן וואו אנדערע סטעיטס זענען דורכגעפאלן. יעצט, וועלן מיר זיך נעמען צו די נייע און אנטוויקלנדע געפארן און באשיצן אונזערע קינדער קעגן שעדליכע AI

באטס וועלכע שטעלן זיך פאר אלס פריינט. דאס איז טייל פון אונזער ווייטערדיגע באמיאונגען צו מאכן יוגנטליכע גייסטישע געזונטהייט א הויפט פריאריטעט אריינרעכענענדיג דורך אינוועסטירן מער אין גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף און קליניקס אין שולעס.

אבער צו ריכטיגע באפרייען אונזענע קינדער פון סאושעל מידיע דארפן מיר זיי געבן פארזיכערטע פלעצער צו קענען בלויז זיין קינדער. עס איז זעלבסטפארשטענדליך.

דאס איז די סיבה פארוואס איך פיר איין די "שטעקט זיך אויס און שפילט" אינציאטיוו.

מיר וועלן בויען נייע שפיל פלעצער און ברענגען הונדערטער טויזענטער נייע געלעגנהייטן פאר קינדער זיך אנצושליסן מיט מוזיק און דראמא קלאבס, יוגנטליכע וואלונטיר ארגאניזאציעס און ספארטס טיעמס.

די אקטיוויטעטן קערן איבער וועלטן. פרעגט נאר Brian Hernandez-Lopez (ברייען הערנאנדעז-לאפעז) וועלכער איז דא מיט אונז היינט. Brian (ברייען) האט אריינשפאצירט אין די Ring of Hope Boxing Club אין שענעקטאדי ביי 13 יאר אלט. ער האט דעמאלץ געזאגט פאר קאוטשעס, "איך דארף בלויז א וועג זיך צו פארטיידיגן." און ער האט עס גאר שטארק ליב געהאט, נישט נאר די ספארט נאר אויך וויאזוי עס האט אים געמאכט פילן. שטארק און פול מיט האפענונג. מיט זיכערקייט אז ער קען אלעס בייקומען, סיי אינעם רינג און אינדרויסן. היינט, ענדיגט Brian (ברייען) זיין אסאסיעט'ס דעגרי אלס א הויך שולע סיניאר און ער איז אויך א קאוטש פאר יונגערע קינדער אינעם קלאב. אה, ער האט יעצט אסאך א ליכטיגערע צוקונפט. און דאס איז די כח פון אונזערע יוגנט פראגראממען. Brian (ברייען)-ביטע שטעל זיך אויף.

ביז יעצט האב איך גערעדט איבער אונזער אפארדעביליטי און פובליק זיכערהייט פלאן. יעצט, לאמיר ווייטער גיין צו עפעס וואס איך גלויב אויך איז זעלבסטפארשטענדליך.

א סטאבילע היים איז די גרונד פון א סטאבילע לעבן. אבער פאר אסאך צו פיל ניו יארקער, איז עס א חלום וואס פילט אוממעגליך צו דערגרייכן. און איך בין נישט די ערשטע דאס צו זאגן, אבער די רענט איז פיל צו הויך! און דאס זעלבע מיט מענטשן'ס מארגעדזשעס. האוזינג איז די נומער איינס טרייבער פון אונזער אפארדעביליטי קריזיס. און די איינציגסטע וועג צו נידערן האוזינג קאסטן איז צו פארמערן די סופליי. מיר דארפן בויען, און בויען און בויען נאכמער.

אין מיין ערשטע סטעיט אוו די סטעיט אדרעס האב איך אויפגעעפנט א דרייסטע פלאן צו בויען אדער אנהאלטן 100,000 יונטיס אין פינף יאר. איך בין שטאלץ אז מיר זענען שוין האלבוועגס צו אונזער ציל און פאראויס פון סקעדזשול. אבער מער דארף געטון ווערן. לאמיר אינוועסטירן נאך 100 מיליאן דאלער אין לאקאלע דעוועלאפמענט אין צוגאב צו די 650 מיליאן דאלער וואס מיר האבן אינוועסטירט פאר פרא-האוזינג קאמיוניטיס פאריגע יאר.

די געצילטע היים-אייגנטומערשאפט סטראטעגיע רעכנט אריין: 100 מיליאן דאלער צו בויען סטארטער היימען און געבן הילף פאר דאון פעימענטס פאר ערשט-מאליגע היים-קויפער. און איך שלאג פאר א האוזינג דעוועלאפמענט אמבודסמאן צו אדורכפירן באשטעטיגונגען און שנעלער אריינבאקומען שויפלען אין די ערד.

און מיר דארפן נעמען א שטייפע שטעלונג קעגן די פריוואטע עקוויטי פירמעס וועלכע האבן דערשטיקט האוזינג מארקעטס איבער די לאנד. מיר האבן עס אלע געזען: א יונגע פאמיליע טרעפט די היים וואס זיי זוכן, זיי קראצן צאם יעדע דאלער וואס זיי האבן און דערנאך פארלירן זיי קעגן א קעש פארשלאג פון א געזיכטלאזע, אומבאקאנטע קארפאראציע אן קיין פארבינדונג מיט די קאמיוניטי. קארפארעט

לאנדלארדס קויפן צוזאמען אונזער האוזינג סטאק פאר קורץ-טערמיניגע רענטאלס אדער נאך ערגער, זיי לאזן די היימען זיצן לייגן אין צייט וואס די ווערד דערפון שטייגט.

דאס איז די סיבה פארוואס ניו יארק וועט טון עפעס וואס קיין שום אנדערע סטעיט אין די לאנג האט נישט געטון און פארבאטן פריוואטע עקוויטי פירמעס פון אריינגעבן א ביד אויף פראפערטיס פאר די ערשטע 75 טעג וואס זיי זענען אויפ'ן מארקעט. דאס איז וויאזוי מיר פארזיכערן אז איינס און צוויי-פאמיליע היימען בלייבן אוועילעבל פאר די פאמיליעס וועלכע זיי זענען געבויעט געווארן פאר. און דאס איז וויאזוי מיר מאכן היים אייגנטומערשאפט מער מעגליך פאר נאך ניו יארקער. מיר ווען אויך פארבאטן פרייז פאררעכטן סאפטוועיר וואס הייבט רענטס און קאסט טענענטס אינעם גאנצן לאנד 3.8 ביליאן דאלער א יאר.

אזויווי מיר האבן שוין געזען אין אונזערע פריערדיגע קאמפען, קענען מיר נישט עפענען די פולע מעגליכקייט פון די האוזינג מארקעט אן א קאמף. אזוי איז עס. אבער דאס איז וואס ניו יארקער ערווארטן פון אונז. איך קען נישט און וועל נישט צוריקטרעטן.

און מיר צייגן די זעלבע דרייסטקייט אין אונזערע אינוועסטירונגען אין טראנספארטאציע וויבאלד אונזער פליכט איז אייך צו נעמען צו וואו איר דארפט אנקומען אויף פארזיכערטע גאסן, און בריקן, און באסעס, און באנען און סאבוועיס. און וואו נאר מעגליך, אריינלייגן אביסל מער צוריק אין אייער טאג.

נאר לעצטע וואך בין איך געפארן מיט מעטרא נארט וואו איך האב געזאגט פאר קאמיונטערס אז איך וויל פארבעסערן די סטאנציעס און נידערן די רייזע צייט צווישן מאנהאטען און פאוקיפסי. אזוי פיל ווי 15 מינוט א וועג. דאס וועט שפארן פאר קאמיונטערס ביז 130 שעה א יאר. דאס וועט בענעפירן פאר מענטשן אזויווי Helene Brown (העלענע בראון) וועלכער איז דא מיט אונז היינט. זי ארבעט אין CUNY און פארט יעדן טאג אריין אין די סיטי פון יאנקערס. און פאר אלע רייזנדע וועלכע איך האב געטראפן אויף די לאנג איילענד רעיל ראוד פרייטאג, אונזער סטראטעגיע ברענגט אויך בעסערע רייזעס פאר אייך.

זייט איך בין געווארן גאווערנאר בויען מיר גרויסע פובליק ארבעט, צענדליגע יארן וועלכע פאסירן יעצט און עפענען צענדליגע טויזענטער גוטע יוניאן דזשאבס. פראיעקטן אזויווי די געיטוועי טונעל ( Gateway Tunnel) אונטער די האדסאן, די גרעסטע אויסגעצאלטע אינפראסטרוקטור פראיעקט היינט אין אמעריקא, ווי אויך אויסברייטערן די סעקאנד אוועניו סאבוועי אין איסט הארלעם, אויסראטענדיג א טראנסיט מדבר און שאפנדיג צוטריט צו בעסער-באצאלטע דזשאבס און די אינטערבארא עקספרעס צו באהעפטן ברוקלין און קווינס. צוריק באהעפטן קאמיוניטיס אזויווי סירעקיוז וואס איז פארשניטן געווארן דורך I-81 און בויען א נייע ליווינגסטאן אוועניו בריק גלייך דא אין אלבאני.

דאס יאר שטיץ איך א MTA קאפיטאל פלאן. מיר מוזן ברענגען צענדליגע יארן פון דורכפעלער צו אן ענדע און מאכן די שווערע אבער נויטיגע אינוועסטירונגען אין די קריטישע אינפראסטרוקטור. אויב מיר קומען נישט אן, קען די צוקונפט פון אונזער טראנסיט סיסטעם און די עקאנאמישע שטארקייט פון אונזער סטעיט זיין אין געפאר.

מיר קענען נישט רעדן איבער די צוקונפט אן רעדן איבער עדיוקעישאן. עס איז די גרעסטע פארגלייכער וואס עפנט אויף גלעגנהייטן פאר אלע.

מיין טאטע'ס קאלעדזש דעגרי האט ארויסגענומען מיין פאמיליע פון ארימקייט און געעפנט טירן צו בעסער באצאלטע דזשאבס. ארבעטנדיג מיט לעגיסלאטור איבער די לעצטע צוויי יאר האבן מיר מער ווי געדאפלט שכר לימוד הילף ביי SUNY און CUNY און אויסגעברייטערט בארעכטיגקייט.

און יעצט וועלן מיר ווערן נאך דרייסטער: מיר וועלן מאכן קאמיוניטי קאלעדזש גענצליך אומזיסט פאר סטודענטן צווישן 25-55 יאר וועלכע גייען אריין אין שטארק-געזוכטע פעלדער אזויווי פארגעשריטענע פאבריצירונג, עדיוקעישאן און העלטקעיר. דאס איז ריכטיגע סעיווינגס פאר ניו יארקער וועלכע פרובירן צו באקומען נייע קאריערן און לייגט צוריק געלט אין זייערע טאשן און פולט אויך אן דזשאב געלעגנהייטן אין די וויכטיגע אינדוסטריס.

מיר פארגעסן קיינמאל נישט אז ניו יארק'ס קליינע ביזנעסער זענען די גרונד פון שטארקע קאמיוניטיס. האבנדיג געהאלפן מיין מאמע און שוועסטער עפענען זייער ביזנעס פארשטיי איך די שוועריקייטן וועלכע זיי האבן. מיר מוזן אוועקשטעלן אן ענווייראמענט וואו קליינע ביזנעסער פילן אז די רעגירונג שטייט זיי נישט אויפ'ן קאפ נאר איז ביי זייער זייט.

די אינדוסטריאלע רעוואלוציע האט אויפגעוועקט סיטיס איבער גאנץ ניו יארק. אבער די עקאנאמישע פארשריט האט געקאסט א שווערע פרייז. פאבריקן האבן ארויסגעשפיגן אויסווארף און כעמיקאלן אריין אין לעיק עריע. איך האב עס געזען. איך געדענק אלס קינד, טרעטן איבער טויטע, שמעקעדיגע פיש אויפ'ן ברעג און זען די הימלען אנגעפלט מיט אראנדזש רויעך. היינט אין צייט וואס מיר ברענגען אריין א נייע אינאוואציע רעוואלוציע מוזן מיר זיך לערנען פון יענע גרייזן.

מיר דארפן נישט קוקן ווייטער ווי די טויטליכע פייערן אין לאס אנדזשעלאס פאר א דערמאנונג פון ווי שוואך אונזער וועלט איז און וויאזוי די צוקונפט וועט אויסזען אויב מיר געבן אויף נאטור פאר'ן ציל פון פארדינסטן. אונזער הארץ גייט אויס פאר אלע מענטשן אין קאליפארניע וועלכע האבן פארלוירן שטובער און נאנטע מענטשן. איך בין דאנקבאר פאר די פייערלעשער וועלכע האבן געארבעט 24-שעה'איגע שיפטס צו פארטיידיגן זייערע קאמיוניטיס פון וועגט פון פייער. און איך בין זייער שטאלץ פון די ניו יארק נאציאנאלע וועכטער וועלכע זענען געשיקט געווארן צו העלפן אין קאליפארניע. איך ווייס אז איר וועט זיך מיטכאפן מיט מיר צו זאגן א שטילע געבעט פאר זייער זיכערהייט און אלע וועלכע זענען אפעקטירט געווארן דורך די שוידערליכע טראגעדיע.

היינט מיר אויך איינע פון <u>אונזערע</u> דרייסטע פייערלעשער דא מיט אונז: טשיעף Alex Nicholas (אלעקס ניקאלאס). בלויז עטליכע מאנאטן צוריק אין די קעטסקילס איז ער געווען אויף די פאדערשטע ליניעס צו באקעמפן איינע פון די ערגסטע וואלדפייערן וואס אונזער סטעיט האט נאר אמאל געזען.

און עס איז נישט בלויז וואלדפייערן. אין די לעצטע פאר יאר האבן מיר געהאט א רעקארד צאל היץ, טרוקענישן, פארפלייצונגען, טארנעידאס, שניי שטורעמעס, האריקעינס. מיין קאמף פאר אייער פאמיליע מיינט אויך צוריקהאלטן די טראגעדיעס פון ווערן די נייע נארמאלע ערשיינונג. ווייל מיר זענען טאקע די ערשטע דור וואס שפירט די אפעקטן פון קלימאט ענדערונג און מיר זענען די לעצטע דור וואס קען עפעס טון דערוועגן. דאס איז די סיבה פארוואס, טראץ שטארקע קעגנשטעלונג, האב איך אונטערגעשריבן די קלימאט ענדערונג סופערפיינד אקט (Climate Change Superfund Act), דורכגעפירט דורך די לעגיסלאטור און האב דערקלערט אז עס זאלן זיין די גרויסע קארפאראציע פארפעסטיגער וועלכע זאלן צאלן פאר די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג אנשטעט די ניו יארקער שטייער באצאלער. און יעדע אנדערע סטעיט זאל נאכטון דאס וואס מיר טוען.

מיר האבן זיך נאכאמאל אנשטלאסן צו נידערן קארבאן עמיסיעס פון ברעגיגע ווינטן נעבן די וואסער פון לאנג איילענד און הײדרא-עלעקטריק ענערגיע וואס קומט אריין פון קיובעק צו געבן ענערגיע פאר ניו יארק סיטי. און דאס יאר רוף איך פאר א היסטארישע 1 ביליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג צו ווייטער אריבערגיין צו א זערא עמיסיע עקאנאמיע.

מיר וועלן אויך בויען ענערגיע-גרייטע ערטער פאר גרינע אינדוסטרי, די סארט באמיאונג וואס האט אונז געהאלפן באקומען Micron (מייקראן)'ס היסטארישע, 100 ביליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג וואס האט געעפנט 50,000 דזשאבס אין אפסטעיט ניו יארק. די עקאנאמיע פונעם צוקונפט: מייקראטשיפ פעבס, דאטא צענטערן און די סופערקאמפיוטערס וועלכע ערמעגליכן AI דארפן אן אויסטערלישע צאל ענערגיע. צו שטיצן די אינדוסטריס, האבן מיר שוין אנגעהויבן אנטוויקלען א פארגעשריטענע נוקליאר סטראטעגיע. דאס איז א גוטע אינוועסטירונג.

ארטיפישעל אינטעליגענץ אליינס איז געשאצט צו טרייבן 320 ביליאן דאלער פון עקאנאמישע וואוקס אין אונזער סטעיט ביז 2038, איבערקערנדיג פעלדער פון פלאנצן פאר מעדיצין. דאס איז די סיבה פארוואס מיר האבן געעפנט Empire AI פאריגע יאר: צו בויען די שטערקסטע סופערקיוקאמפערס אים לאנד פאר אקאדעמישע פארשונג און נוצן די טעכנאלאגיע צום גוטן.

דאס איז אלס טייל פון אונזערע באמיאונגען צו שאפן א שטאנדהאפטיגע עקאנאמיע וואס קען ביישטיין קעגן די צייטן - ווייל עס איז נישט קיין פלאן B אוי מיר פאלן אדורך.

פארוואס איז דאס אזוי וויכטיג צו מיר? ווייל מיין קאמף פאר אייער פאמיליע נעמט אריין זיכער מאכן אז אייערע קינדער און אייניקלעך קענען האבן די דזשאב פון די צוקונפט גלייך דא יעצט, אנגעצינדן דורך ריינע ענערגיע.

יעצט האב איך אונטערגעשטריכט עטליכע טיילן פון מיין קאמף פלאן. איך פארזיכער אייך אז עס זענען דא מער ווי 200 פארשלאגן אין אונזער סטעיט או די סטעיט בוך, און איך בין זיכער אז איר אלע קוקט פאראויס עס צו ליינען היינט נאכט. דאס איז אונזער 2025 בלופרינט אין צייט וואס מיר באקעמפן ווייטער ניו יארק'ס קינדער און פאמיליעס.

איז לאמיר איבערגיין: אראפטרייבן פארברעכן, נידערן שטייערן, אינוועסטירן אין טשיילדקעיר און עדיוקעישאן, דזשאבס, נייע היימען, ריינע ענערגיע, קליינע ביזנעסער און בויען א שטארקע עקאנאמיע וואס וועט זיך האלפן פאר דורות.

יא, עס איז דרייסט: אבער ווי אלע ווייסן, האט Wayne Gretzky (וועין גרעצקי) געזאגט, "איר פארפעלט 100 פראצענט פון די פרואוון וואס איר נעמט נישט." און איך וועל אלעמאל נעמען די פרואוו.

איך האב אסאך גערעדט איבער פאמיליעס און די פרואוון וואס איך גענומען און וואס איך וועל נעמען. און דאס האט מיר געברענגט צו טראכטן איבער מיין אייגענע פאמיליע, ספעציעל מיין טאטע וועלכע איז פלוצלינג געשטארבן ווען איך בין געווען אויפ'ן וועג קיין מדינת ישראל אין שאטן פון די אקטאבער 7 טעראר אטאקע.

גלייך פאר איך בין ארויפגעשטיגן אויף די שפעט-ביינאכטיגע פליגער צו א מלחמה זאנע האב איך געמאכט וואס איז ענדע געווען מיין לעצטע טעלעפאן רוף צו אים. ער האט געזאגט, "Dolly (דאלי)... איך בין אזוי שטאלץ פון דיר. אבער האלט דיין קאפ אראפ אביסל."

אנטשולדיגט מיר, טאטע, אבער איך קען נישט האלטן מיין קאפ אויף אראפ. ווייל דו האסט מיר אויסגעלערנט אז מען האלט נישט די קאפ אויף אראפ - מען לויפט אריין אין די נויטיגע קאמפען. און דו אז אלעמאל געזאגט, אז ווען די וועג ווערט שווער, הויבן די שטארקע אן צו גיין. מען באקעמפט און מען באקעמפט שטארק. און צווישן אלע די ווערדן וואס מיינע עלטערן האבן אריינגעבאקן אין מיר, איז די וויכטיגסטע דאס מען מען זאל אלעמען קעמפן פאר די גוטע קאמף. דאס די באקעמפנדע, פארמעסטנדע ענערגיע פון ניו יארק וואס מאכט אונז אלע אזוי מאכטפול.

מיר זענען די ענערגיע אין די מאכט פון אונזערע געווינער אזוויי די New York Liberty, וועלכער איז געגאנגען פון שפילן פאר עטליכע טויזנט נאכפאלגער אין די וועסטשעסטער קאונטי צענטער צו דריי יאר שפעטער ווערן די נאציאנאלע געווינער פארנט פון ווילד ענטוזיאסטישע איפארקויפטע מאסן - געשטופט דורך די איבערגעוועהנליכע Timeless Torches.

מיר זענען עס אין די Buffalo Bills, אוועקגעמאכט נאך יארן פון טרוקענע שפילן, וואס שטייט יעצט גרייט פאר גרויסקייט מיט אונזער אייגענע MVP Josh Allen (דזשאש אלען) אנפירנדיג די גרופע, פאראייניגנדיג ניו יארקער איבעראל צו גלויבן נאכאמאל.

אבער עס איז נישט די געווינס וואס באדייט א ריכטיגע געווינער. עס איז וואס זיי טוען ווען זיי פארלירן. צוריק אריינטרעטן אינעם קאמף.

און עס איז נישט בלויז אונזער שפיץ אטלעטן וועלכע נעמען אן דעם ענערגיע צו קעמפן. עס איז איינגעפעדימט אין די DNA פון יעדער איינער וואס רופט זיך א ניו יארקער. שטארק, שטופט זיך, פעסט, שטאלץ, מאכטפול קעגן שוועריקייטן. דאס איז די ניו יארק וואס איך זע אין יעדע ווינקל פונעם סטעיט.

איך בין אין עהרע פון די שטארקייט פון אונזערע פאמיליעס, אונזערע עלטערע מענטשן, אונזערע סטודענטן, אונזערע לערערס, אונזערע פעלד ארבעטער, אונזערע וועטעראנען, אונזערע ביזנעס לייט.

אזוויי Jillian Hanesworth (דזשיליען העינסווארט) האט געזאגט אין איר פאום "אין אונזער הייס, שיינט די זון אלעמאל אויף." טאקע אזוי, Jillian (דזשיליען). די זון שיינט <u>אלעמאל</u> אויף אין ניו יארק. איך בין אזוי שטאלץ צו פירן די סטעיט דורך שוועריקייטן.

דריי יאר צוריק ווען איך בין אריין אין אפיס, איז אונזער סטעיט געווען אין קריזיס און מיר האבן גענומען פעסטע שריט צו גראד מאכן די שיף. און טראץ די פילע שוועריקייטן וועלכע זענען נאך פארבליבן, זעען מיר נאכאלץ אז די זון שיינט נאך.

מיר זענען עס אין די מער פון 1 מיליאן נייע ביזנעסער וועלכע האבן זיך געעפנט ארום אונזער סטעיט זייט איך בין אריין אין אפיס. אין די 740,000 פריוואטע באפעלקערונג דזשאבס וועלכע מיר האבן צוגעלייגט. מיר זענען עס ווען אונזער LGBTQ+ קאמיוניטי שפירט זיך פארזיכערט צו זיין וויאזוי זיי ווילן. מיר זענען עס ווען ניו יארקער מיט דיסאביליטיס שפירן זיך געשטיצט און ערמעגליכט. און מיר זענען עס אין די ענערגיע און לעבעדיגקייט וועלכע האט זיך צוריקגעקערט צו אונזערע גרויסע סיטיס פון באפעלאו ביז ניו יארק סיטי וואו די סיידוואקס זענען געשטאפט, די רעסטוראנטן זענען געפאקט און בראודוועי איז צוריק.

איז אפילו אין די צייט וואס מיר לייגן ווייטער געוויכט אויף די פילע ניו יארק וועלכע דארפן הילף, לאמיר באשליסן היינט צו באהאנדלען די פראבלעמען מיט א הארץ און נשמה פול מיט פאזיטיווקייט... און א גלויבן אין אונזער צוקונפט.

דאס איז וויאזוי מיר זענען אריבער די גרויסע דעפרעסיע, אינפלאציע אין די '70s און די קראך פון די אינדוסטרי, 9/11, די גרויסע ריסעסיע און א גלאבאלע פאנדעמיע. ווייל דאס איז די עמפייער סטעיט: א פלאץ פון צוריקקערער. מיר געווינען איבער שוועריקייטן. עס איז ווער מיר זענען. און מיר וועלן מאכן זיכער אז ווען מענטשן ווערן אראפגעקלאפט זאלן זיי זיך גלייך קענען צוריק אויפשטעלן.

ווייל אייער פאמיליע איז מיין קאמף, און איך וועל קיינמאל נישט ענדיגן באקעמפן פאר די מענטשן פון די גרויסע סטעיט פון ניו יארק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן